Radom Piątek 27 Września 1929

ראַדאָם, פרייטאג כ"ב אלול תרפ"ט.

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען פרייזן
איין פּעליטעטער שורה: פאָר'ן טעקסט 40 גר
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 35 "
די ערשטע און לעצטע זייט צוּגמהבלען 3 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

---

צו די תנאים פון מיין ליבען זוהן ח י י ם ז ל מ ן
מיט זיין אויסערוועהלטע פרל' אסתר'ל זיידע
ווינש איך א גליקליכען צוזאמענבונד
און עוויגע צופרידענהייט.
ר ח ל א ר ט מ א ן.

עדזשע זיידע    חיים זלמן ארטמאַן
פ ע ר ל א ב ט
ראַדאָם דעם 22 סעפטעמבער 1929.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. טאָכטער
אסתר'ל זיידע מיט ה' חיים ארטמאן
ווינשען מיר, אז זייער צוזאַמענבונד זאָל זיין
געשלאָסען מיט גליק, מזל און צופרידענהייט.
ע ל ט ע ר ן און ב א ב ע.

Z intencji zaręczyn naszej kochanej siostry
Edzi Zajderówny z p. Ch. Artmanem
życzymy im różowei przyszłości i harmonji dusz.
*Hania i Moniek.*

בברכת מז"ט הנובעת מעמקי לבנו מברכים לחברנו
חיים זלמן ארטמאן עם העלמה אסתר זיידע
יה"ר שיהי' קשרם קשר ועד ויזכו יחד לחוג
את חג נשואיו בארצנו הקדושה.
ח י ם ק ר י ס ט א ל ורעיתו.

בברכת מז"ט אני מברך את בן-דודתי
ח י י ם א ר ט מ ן
לאירושיו עם מרת העלמה א ס ת ר ז י י ד ע
תהי דרכם צלחה ופוגה בשושנים.
א ב ר ה ם ב א ר ע נ ש ט י י ן.

Z intencji zaręczyn Chaima Artmana
z p. Edzią Zajderówną
życzą im wiela szczęścia w przyszłości
*Bajla i Lejbuś Cytryn.*

נברכת מז"ט הרני מברך את בן-דודתי
מר ח י י ם ז ל מ ן א ר ט מ ן
לנשואיו עם העלמה העדינה מרת א ס ת ר ז י י ד ע
יה"ר שתהי' מזלו יזרח מהיום כשמש בצהרים.
האמך בברכה חיים בארענשטיין.

צו די תנאים פון מיין שוועסטערן-זוהן
ח י י ם ז ל מ ן א ר ט מ א ן
מיט פר"ל א ס ת ר ז י י ד ע
ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט.
זלמן בארענשטיין עם פרוי און קינדער.

---

די פערוואַלטונג פון בית-יתומים און מושב זקנים
מאַכט בעקאַנט דאָס דער בעליבטער בעל-תפילה
ר' יוסף סאנדעל
וועט אויך דאָס יאָהר דאַווענען ימים-נוראים און יום טוב אין דער
דאָרטיגער שוהל, וועלכע איז פערזעהן מיט בעקוועמע
זיץ-פלעצער פאר מענער און פרויען.
איינטריטס-קארטען צו בעקומען אין סקלאַד אפטעקשנע
ביי ה' צימערמאַן, לובעלסקא 11
די גאַנצע הכנסה געהט לטובת בית - יתומים און
מושב זקנים אין ראַדאָם.

Uwaga! Uwaga!
Nowo-otworzony MAGAZYN OBUWIA
w Radomiu przy ul. Lubelskiej 27
ma zaszczyt zawiadomić Sz. Klijentelę
miasta Radomia i okolic, że posiada na składzie
Wielki Wybór wszelkiego
RODZAJU OBUWIA
Ostatnie fasone!! Towar gwarantowany!!
CENY KONKURENCYJNE!!

ZAWIADOMIENIE.

Zawiadamiamy niniejszem, iż powierzyliśmy zastępstwo
dla SPRZEDAŻY NASZEGO OLEJU
w Województwie Kieleckiem
p. J. Zylberowi, w RADOMIU, ul. DŁUGA 5,
Telefon Nr. 580.

Z POWAŻANIEM
Aarhus, Oliefabrik A|S, Dänemark Filiale Danzig.

# די געזעלשאפט מוז צוהילף קומען

## די ערנטליכע פעראַרימטע בעלי חובות

I.

ס'איז, דאכט זיך, נישט פאַרהאַן קיין איין פאבריקאנט, אדער סוחר, האנדווערקער, אדער אינטעליגענט, וואס פיהלט נישט אויף זיינע אייגענע פלייצעס אזוי, אדער אנדערש, די ביטערע פאלגען פון דויערענדען קריזיס.

אמת — די שארפקייט פון קריזיס, אלענפאלס אין זיין איצטיגער פאזע, דריקט זיך אויס נישט ווי אלע מאהל בלויז נאר אין אנ'אונטער, אדער איבער־פראדוקציע, עיוענטועל אין מאנגעל פון פנואץ־מערק, הגם די אלע נאר וואס אויסגערעכענטע פראבלעמען הערען אויך ווייטער נישט אויף צו זיין די טעגליכע נויטען פון אונזער ווירטשאפטליכע פאליטיק, נאר הויפטזעכליך אין דער ענטשטאנענער אויסערגעוועהנליכער צאהלונג'ס־שוועריגקייט פון דער בעפעלקערונג.

מיר רעדען נישט פון די יעניגע פחנות בייזוויליגע אנזעצער, אדער סתם אפעריסטען, וועלכע פרובען תמיד אויסצונוצען יעדע גינסטיגע געלעגענהייט, בכדי אויס'ן חשבון פון יענעמ'ס הארוואניע לייכט און שנעל רייך צו ווערען.

ס'זענען דאך אבער אויך פארהאן געדיכטע מאסען סוחרים, פאבריקאנטען, בעלי־מלאכות און אנדערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע זענען בשום אופן נישט ביכולת. טראץ אלע אנגעשטרענגטע בעמיהונגען, זיך ארויסצופלאנטערען פון סערוואַרפענעם חובות־נעץ און נישט אלעמאל דוקא נאר צוליב האפנונגסלאזע ארימקייט און גרונדליכע רואין.

פערקעהרט, גראד איצט קאן מען טרעפען פיעל בעלי־חובות, וועמענס פערמעגען (לאגערען סחורות, אדער אנדערע ווערטה־זאכען) איבערשטייגט גאנץ אפטמאל די אלגעמיינע סומע פון זייערע חובות, נאר צוליב'ן הערשענדען מאנגעל אין צאהלונג'ס־מיטלען האבען זיי נישט קיין מעגליכקייט זייערע מאטעריעלע גיטער צו פערגעלטען און דערמיט זייערע פליכטונגען צו דעקען.

בכדי אט טאקע די צייטווייליג ניטצאהל־פעהיגע בעלי־חובות זאלען קאנען איבערהאלטען די שווערע איבערגאנגס־צייט און נישט ווארפען ענטגילטיג ארא־בגעשוואנקען ווערען פון ווירטשאפטליכען אויבערפלאך, האט דער געזעצגעבער איינגעשטעלט ביי אונז דעם אינסטיטוט פון נאדזאָרען. און ס'מוז באמת פעסטגעשטעלט ווערען, אז די צאהל פון אזעלכע נאדזארען, וועלכע די האנדעלס־געריכטען ערטיילען די געוועזענע אונטערנעמונגען, האלט זיך כסדר אין איין פערגרעסערען, הגם פון דערמאנטען וואוילטאט קאנען געניסען אויסשליסליך נאר אזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע ועגפן ביכולת זיך צו לעגיטימירען מיט אנ'אקטיווען געשעפטס־בילאנס.

נישט אלע פערענגטע אונטערנעמונגען געפונען זיך אבער אין דער „גליקליכער" לאגע, אז זיי קענען זיך פערדרופען אויף פאזיטיווע געשעפט'ס־בילאנסען.

וואס זאלען דעסגלייכען טוהן צענטויזענדער בעלי־מלאכות און קליינהענדלער. די טיילווייז, אדער גענצליך רעדוצירטע ארבייטער און אינטעליגענטען, וועלכע שטיקען זיך פערצווייפעלט אין צאהלונג'ס־קלעם און קאנען אויף קיין געריכטס־פראלאנגאציע פון זיינע חובות איבערהויפט נישט האפען?

צי קענען מיר שוין דעריבער מיט א רוהיג געוויסען אין איצטיגען אויסערגעוועהנליך קריטישען מאמענט צוליב א 50־ער, אדער אפילו גאר א 5־הונדערטער פראטעסט, אומ'רחמנות'דיג צונעמען דאס לעצטע שטיקעל סחורה פון בעל־חוב'ס קרעמעל. זיינע איינציגע ארבייט'ס־מכשירים פון ווערקשטאט, אדער גאר דאס ביסעל בעבעכעס פון שטוב און אזוי ארום צוברעכען ענטגילטיג דעם עקאנאמישען און ממש פיזישען קיום פון גאנצע משפחות, טרייבענדיג זיי אין שויס פון הונגער, הפקרות, פערברעך און גאנץ אפט אפילו זעלבסטמארד.

און דאס איז דאך, דאכט זיך, אלץ איינס צי די דאזיגע שחיטה ווערט בעגאנגען לויט דער דירעקטער איניציאטיוו פון מלוה אדער ער גיט דעם פערצווייפעלטען בעל־חוב איבער אין די גרויזאמע הענד פון די פראפעסיאנעלע וועקסעל־הענקער — פארדאן — אויפמאנער. וועלכע דאס פאלק רופט טרעפטליך א „נשמה כאפער".

ווי ס'זאל אבער נישט זיין טאר אזא גענענזייטיגע אויסראטונג ווייטער דאך נישט דויערען.

נישקשה: די וועלט עקט זיך נאך נישט. דער פינסטערער וואלקען, וואס בעדעקט איצט כמעט אלע געביעטען פון עקאנאמישען לעבען, וועט דאך פריהער אדער שפעטער ענדליך מוזען פערשווינדען ווערען פון ווירטשאפטליכען האריזאנט.

אמת, ס'איז טאקע נאך איצט שווער צו זאגען, ווען דאס וועט געשעהען און ווי לאנג ס'וועט אנהאלטען.

מילא, אויב דער געזעצגעבער האלט פאר נויטיג צו אנערקענען די רעכט אויף א פראלאנגאציע פון די חובות, נאר פאר די גרעסערע האנדעלס־אונטערנעמונגען — איז פערפאלען. מוז אבער די געזעלשאפט נעמען אונבעדינג אונטער איהר שוץ די גרויסע מאסע בעלי־חובות פון די איבעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, וועלכע דער געגענווערטיגער קריזיס האט אממייסטען געטראפען. און ווי ווייט מעגליך זיך זארגען דערפאר, אז אויך זיי זאלען קענען דורכשטיפען די אויסערגעוועהנליכע שווערע איבערגאנג'ס־צייט.

פערשטעהט זיך, אז מיר רעכענען נישט דא צו ווירקען אויף די פערהארטעוועטע הערצער פון געוויסע ריקזיכטלאזע דיסקאנטערען, אדער אנדער אומווירדיגע קרעדיטארען, אין וועמענס וועקסעל־פארטפעלען ס'געפינט זיך דער גורל פון פיל פערצווייפעלטע קריזיס־קרבנות.

מיר אפעלירען אבער יא צו די בירגערליכע און געזעלשאפטליכע געפיהלען פון בעסערען טייל קרעדיטארען און מאהנען ביי זיי די ווייטגעהענדסטע פערשטענדניש פאר די מאסען בעלי־חובות. וועלכע ווילען גערן, נאר קענען בשום אופן ניט בעצאהלען.

ס'פאדערט זיך גאר נישט אזעלכע געוואלדיגע קרבנות. ווי א פולקאמע אנולירונג און אפילו אויך נישט קיין אלגעמיינע פראלאנגאציע פון די חובות. הגם אין איינצעלנע פאלען זענען גראד אט די דאזיגע ווייטגעהענדע הנחות א פראגע פון ווייטערדיגער עגזיסטענץ פון בעל־חוב. איטליכע קליינע פערלייכטערונגען און א ביסעל גוטער ווילען און פערשטענדניש אויך מצד די קרעדיטארען, וואלט פיל געקאנט פערבעסערען די לאגע פון בעל־חוב.

י. אינפעלד.

די איינ-און-איינציגע בעשטעטיגטע דורכ'ן מיניסטעריום פאר קולטור און קונסט.

SZKOŁA MUZYCZNA w Radomiu, Zgodna 8 pod kier. P. GISSERA

מאכט בעקאנט, דאס די עגזאמענס און דאס פערשרייבען זיך פון נייע שילער און שילערינס פון די קלאסען: פידעל, פארטעפיאן, וויאלאנטשעל א. א. האבען זיך אנגעהויבען און דויערען ווייטער יעדען טאג פון 10—2 און 4—6.

די שילער געמען אנטייל אין: שול־ארקעסטער, קאמעראל־מוזיק, טעאריע און סאלטעריזש — אומזיסט. — דער פראגראם איז שטרענג איינהייטליך לויט'ן ווארשאווער רעגירונג'ס־קאנסערוואטאריום. — די צייגנישען פון דער שולע זענען גילטיג אין אלע העכערע מוזיק שולען.

די לעקציעס קומען פאר א גאנצען טאג. — בייַ דער שולע איז פארהאן א ספעציעלע קלאס פאר אנפאנגער.

פאר זעהר בעגאבטע און טאלאנטפולע, אבער נישט פערמעגליכע שילער — טהיילווייזע הנחות.

# וואס דערצעהלט א ראדאמער וועגען די געשעהענישען אין ארץ-ישראל.

א זוהן פון דער היגער פאמיליע זוויקעלסקי, וועלכער געפינט זיך אין ארץ ישראל, שילדערט אין זיינעם א פריוואטען בריעף צו די עלטערען די טראגישע געשעהענישען אין ארץ-ישראל. מיר נעמען ארויס די וויכטיגסטע שטעלען, וואס זענען נוגע די ארץ-ישראל-געשעהענישען און מיר גיבען עס איבער פאר אונזערע לעזער.

די שולד פון די אלע געשעהענישען פאלט בעיקר אויף די ענגלישע הויכע בעאמטע אין לאנד, וועלכע האלטען פון דער אלטער ענגלישער פאליטיק „צעטייל און רעגיר" און דערצו פעהלט נישט קיין יודען-האס, וואס מוז יעדע פאר יאהר ברענגען צו אזעלכע בלוטיגע געשעהענישען. יעצט איז אין לאנד כמעט שוין רוהיג. די רעגירונג פערוכ"ס, אז ס'קאן שוין גארנישט געשעהען. ווייל ס'איז דא זעהר פיעל מיליטער, אבער מיר ווייסען דאך, אז ווען אין לאנד איז שוין געווען מיליטער, איז פארגעקומען די שוידערליכע שחיטות און שריפות אין צפת.

מיר אין בית-אלפא, נאכדעם ווי מיר האבען בעקומען פרייטאג-צונאכט די ידיעה וועגען די געשעהענישען אין ירושלים, האבען מיר שבת אין דער פריה זיך אנגעהויבען גרייטען און בעפעסטיגען דאס גרויסע הויז און אלץ וואס נויטיג איז. שבת נאך מיטאג האבען מיר בעמערקט, ווי עס דערנעהנטערען זיך צו אונז דריי אראבישע רייטער. מ'האט זיי אין הויף נישט אריינגעלאזט, נאר גערעדט מיט זיי אין דרויסען. איינער פון זיי איז דער שייך (אנפיהרער) פון די בעדואינער, אונזערע שכנים. ער האט אונז איבערגעגעבען, אז ארום די דערפער גרייטען זיך פיעל בעדואינער אונז אנצופאלען אויס שבת-צונאכט. ער אליין בעמיהט זיך, אז זיינע בעדואינער זאלען זיך נישט בעטייליגען אין אנפאל, אבער ער ווייסט נישט, צי ער וועט פיעלען. מיר האבען פערשטאנען, אז דאס איז נאר אן אראבישע קינצעל, אז אייגענטליך איז ער געקומען אויסשפירען, צי זענען מיר גענוג צוגעגרייט. א תשובה האט ער בעקומען א גאנץ קורצע, אז ער זאל זיך נישט זארגען פאר אונז און, אז מיר האבען שוין אלעס נויטיגעס צוגעגרייט.

נאך דעם זעלבען טאג האבען מיר אלע קינדער אבגעשיקט אין אן אנדערע קבוצה, וועלכע איז מעהר אין צענטר און דערמיט זיכערער. ביינאכט זענען מיר אלע געווען צוזאמען אין דעם בעפעסטיגטען הויז און שטארקע וואכען זענען געווען פערטיילט ארום דעם הויף, כדי אנצוהיטען דעם שייער. די נאכט איז דורך גאנץ רוהיג. ערשט ארום 10 אזייגער האבען די אראבער זיך אנגעהויבען צוזאמענעמען אין אונזער וועלדעל. שפעטער אויף נעהנטערע ערטער. דערנאך געטיילט זיך ווידער און געשיקט איין טייל אין דער זייט פון וועג קיין קומי, כדי נישט צו דערלאזען פון דארט קיין הילף, דער צענטר פון רעזערוו-מיליטער איז געווען אין עין-חרוד. אבער קיין אויטא איז דעמאלט נישט געווען. א רייטער צו שיקען איז געווען געפעהרליך, אויפן מאטאציקל — נישט ווייניגער. דאן איז ארויס איינער פון אונז צו-פוס בעהאפענט אין וועג אריין קיין עין-חרוד פאדערען מיליטער. זעלבסטפערשטענדליך, אז מיר זענען נישט געווען זיכער צי ער וועט אנקומען. (דער וועג אהין איז א מהלך פון אנדערטהאלבען שעה) האבען מיר אליין אלעס צוגעגרייט. ארום 12 אזייגער איז אנגעקומען אן אויטא מיט פאליציי און באלד א צווייטער און אין א האלבע שעה ארום איז אנגעקומען א פאסטען פון 12 מאן גרעניץ-מיליטער, פערזעהען מיט מאשינען-געוועהר. ארום האלב צוויי האבען די אראבער גענומען זיך דערנעהנטערען צו אונז. דעמאלט האבען זיי שוין געהאט ארויסגעשיקט א טייל פון זייער באנדע אויפ'ן בארג גלבע, אונטער וועלכען מיר זיצען. מ'האט די אראבער געלאזט דערנעהנטערען אויף א מרחק פון אומגעפעהר 500 מעטער. דאן איז ארויסגעגאנגען צו זיי דער גובערנאטאר פון אונזער געגענד. (אזוי פאדערט דאס געזעץ) כדי זיי אויפצופאדערען זיך פונאנדערצוגעהן. דערווייל איז אויך אנגעקומען נאך א אויטא פון דער זייט פון בית-שאן מיט פאליציי און די אראבער, וועלכע זענען שוין געווען אויפ'ן בארג האבען גענומען אראבשיסען אויף זיי. דאס איז געווען דער סיגנאל אויף פייער. דער גובערנאטאר אליין מיט זיינע 4 מענשען האבען זיך באלד אין זייער וועג אבגעשטעלט און גלייך גענומען ציעלען אין דער באנדע אראבער. די אראבער האבען אנגעהויבען צוריקצוטרעטען און גלייכצייטיג האבען זיי פערשטארקט די שיסעריי פון בארג. דאן האט אנגעהויבען צו ארבייטען דאס מיליטער מיט דעם מאשינען-געוועהר. וואס איז געווען צוגעגרייט אין אונזער בעפעסטיגטע קינדער-הויז אויפ'ן צווייטען שטאק. באלד האבען מיר געזעהען פון אונזערע פענסטער ווי אראבער פאלען. שפעטער האט מען זיי אנגעהויבען שלעפען און די באנדע האט זיך צוריקגערוקט. דעמאלט האט דאס מאשינען-געוועהר זיך גענומען בעשיסען דעם בארג.

נאך א האלבע שעה איז געווארען רוהיגער. מיר אליין זענען די גאנצע צייט געשטאנען אין אקאפעס אויף די פאסטענס מיט אונזערע כלים, אבער אונזערע הילף איז געווען נישט נויטיג. צוליב דעם האבען מיר די גאנצע צייט נישט געשאסען (אונזערע קוילען מוזען מיר בעהאלטען אויף אן ערגסטע שעה) אזוי איז דורכגעגאנגען דער ערשטער אנפאל. ביינאכט זענען ווידער אונזערע פאסטענס פערשטארק געווארען. דאס מיליטער האט געארבייט צוזאמען מיט אונז. די אראבישע פאליציאנטען זענען אוועקגעפאהרען נאך מיטאג, פון וואס מיר זענען געווען זעהר צופריעדען. ארום 7 אזייגער ביינאכט האבען די אראבער אונטערגעצינדען אויף אונזער זייט פעלד, היי און שטרוי. מיר האבען געזעהן, אז זיי גרייטען זיך אויף א נאכט-אנפאל. זיי הויבען אבער נישט אן, איידער די לבנה געהט נישט אויף ארום 11 ביינאכט האבען זיך דערהערט טריט פון מזרח-זייט. אונזער מזרח-פאסטען האט דערזעהן אויפ'ן ארט פון אונזער שייער אראבער. באלד האט מען אונז אלע איבערגעגעבען די לאגע. און דער פאסטען האט זיי ענטפאנגען מיט פייער. די אראבער האבען אויך געענטפערט מיט דעם זעלבען. ס'איז געגעבען געווארען א בעפעהל, אז דער מזרח-פאסטען זאל פערלאזען די פאזיציע און מ'האט אויף דער גאנצער זייט אנגעהויבען שיסען מיט מא-

KINO ODEON w RADOMIU.

**Od dnia 30 Września 1929 r.**

Jeszcze przed Warszawą będziemy demonstrować najświeższy film sezonu, p. t.

## OSTATNIA MIŁOŚĆ KSIĘCIA SERGJUSZA

Przecudny dramat dwojga kochających się serc.

**Przepiękna pieśń miłości na tle krwawych dni rozpętanej rewolucji i szalonych nocy dawnego Petersburga.**

w rolach głównych dwie ulubienice Radomia:

**Bille DOVE i Lucy DORAINE**

oraz dwa asy rodzaju brzydkiego:

**Antonio Moreno i Mikołaj Susanin**

DRUGI PROGRAM RÓWNORZĘDNY

Świetny film rozrywkowy, p. t.

## BIAŁY ORZEŁ

w roli głównej PRZEPYSZNY

**KEN MAYNARD** wraz ze swym ślicznym konikiem

TARZANEM.

זיין ראמאנטישע מיזע.

יענע האך קומען די „פשיאטשע־לעס" צו ה' ב. און דערצעהלען איהם, אז ס'איז געקומען א אוקריינער טרופע, וואס בעשטעהט פון דריי זכרים און צוויי פרויען — איינע פון זיי איז ממש א היימלישע שענקייט אינגאנצען לויט'ן גוסט און געשמאק פון זייער קאלעגע ב.

אינזער ראמאנטיקער בחור'ל איז תיכף אוועק מיט זיינע קאלעגען אין האטעל, וואו די טרופע האט זיך איינקווארטירט און ווען ער האט דערזעהן ווענוס'ענס קאנקורענטקע אין געשטאלט פון אנ־ארטיסטקע איז ער ארויס פון די כלים. די אוקראינערין איז געווען געקליידעט לויט די לעצטע מאדע: די ליפען גע־פארבט אויף דויכ, די אויגען אונטער־געשווארצט, געטראגען אויף זיך א לעדערנע העל־ברוינע קורטקע און פון דער קורטקע און ווייטער האט זיך אויסגעלאזט א פאר ברייטע רויטע הוי־זען... ויידענע זאקען מיט ווייסע שיכלעך.

דעם מאטענס קינד האט אינגאנצען געברענט, זיין כוזע האט זיך צושפילט און ער האט אויסגערופען: — קאלע־גען, זי געפעהלט מיר, אנ'עקסצענטרי־שער טיפ פונקט ווי איך.

חברה אונטערפיהרער האבען נעאר־בייט פלייסיג און אומר ועושה, האט די געזעלשאפט געשלאסען קענטשאפט און מ'איז אריין אין רעסטאראן פון זעלבען האטעל. ווען מ'האט זיך גע־זעצט צום טיש איז די שעהנע אר־טיסטקע אויסגעקומען פונקט ביי דער רעכטער האנד פון אונזער ראמאנטי־שען פאעט. די „זי" האט געווארפען אנ'אויג אויף די גוטע פלעשער וויין און דער „ער" ס'הייסט איהר „פארט־נער" האט געהייסען דערלאנגען.

בקיצור דאס טרינקען און צובייסען האט געדויערט א היבש שטיקעל צייט אזוי, אז ווען דער קעלנער האט איהם געוויזען דעם רעכנונג איז די לעצטע שורה געווען — א דריי מיט נאך צוויי קיילעכדיגע ציפערען אין דער ברייט...

ס'האט איהם וועה געטוהן דאס הארץ, נאר דאס איז נעווען פונ'ם ערש־טען קוק אויפ'ן רעכנונג, ווייל בעת ער האט א קוק געטוהן אויף איהר, האט ער אין אלעם פסרגעסען...

אזוי ווי די נאכט איז צוגעפאלען האט ער איהר איינגעלאדען אויף א שפאציר. ס'איז אבער געווען שטארק בגילופין און טאקע במחילה נישט גע־קאנט נעהן... איז דער קעלנער געווען אויף אזוי פיעל קארעקט און איהר גע־געבען א צימער טאקע דארט אין הא־טעל אויף זיך א ביסעל צו אויפניכטע־רען... און געהייסען די טהיר פער־שליסען.

אין א פאר שעה ארום האט זיך דערהערט שרעקליכע געוואלדען און הילפס־רופען... ווען מ'האט אויפגעריי־סען די טהיר האט מען געטראפען זיי ביידע „אדם־נאקעט". ס'הייסט ערשט דאן האט מען דערזעהן, אז זיי זענען טאקע ביידע עכטע „אדמ'ס", ביידע מאנספערשוינען...

דעם רייכען מאטענס קינד איז פון גרויס עגמת נפש און בושה געפאלען אין חלשות. אז מ'האט איהם קוים אבגעמונטערט, אין די נקבה מיט די רויטע הויזען האט געמאכט ויברח.

ערשט יעצט האט זיך אונזער ראמאנ־טישער כוזע געכאפט, אז וואס האבען איהם זיינע „פשיאטשעלעס" אונטער־נעפיהרט... און ער האט בעשלאסען אן זיך נקמה צונעמען.

י. א.




— p. f. —

**Biuro Próśb EXPRESS**

w RADOMIU, przy ul. LUBELSKIEJ Nr. 27.

Podaje do publicznej wiadomości, że Biuro załatwia wszelkiego rodzaju podania i odwołania do wszystkich władz państwowych i komunalnych, korespondencję handlową, krajową i zagraniczną, tłomaczenia z języków obcych, sporządzanie bilansów, budżetów, umowy i kontrakty a także przepisywanie na maszynie.

Przy biurze, które zostaje prowadzone pod kierownictwem sił rutynowanych i fachowych, otwarty został dział zleceń i informacji i handl.

Ceny możliwie przystępne.

## בעקאנטמאכונג.

דאמיט מאכען מיר בעקאנט ד. ג. פובליקום פון ראדאם און אומגעגענד דאס פון 17/IX ד. ח. איז געווארען געעפענט א באנק

— א. ג. —

**SPÓŁDZIELCZE TOWARZYSTWO WZAJEMNEGO KREDYTU**

z Ograniczoną Odpowiedzialnością

**Radom, Lubelska 40** אויף דעם ערשטען שטאק

די באנק מאכט אלע באנק־אפעראציעס

ווי אינקאסעס, גיט אוואנסען, פראכטען, הלוואות אויף די בעסטע בעקוועמליכקייט.

אלע אינקאסעס ווערען אויסגעצאהלט אין זעלבען טאג פון איינפלוסען—פון 9 פריה ביז $2^{1}/_{2}$ נ. מ. און פון 5—7 אוו. צום בעקוועמליכקייט פון די קליענטען וועלען אין די שעה'ן אויך ערלעדיגט ווערען

אלע אנדערע באנק־אפעראציעס.

## פון „טאז"

### זומער־קאלאניעס אין גארבאטקע

דעם 23|8 ה. י. זענען די זומער־קאלאניעס פון ראדאמער „טאז" אין גארבאטקא, אויף וועלכע עס האבען אין דער צייט פון 2 מאנאטליכע סע־זאנען פערבראכט 76 ראדאמער קינ־דער, געווארען געשלאסען.

די ארויסגעשיקטע אויף די זומער־קאלאניעס זענען בעשטאנען מעהר־סטענטייל פון קינדער פון די היגע תלמוד־תורות, פאלק'ס־שולען און יתומים.

### רענטגען־היילונג פאר קינדער

ביז דעם 1 אקטאבער ווערען אנגע־נומען אין ביורא פון ראדאמער „טאז" (דלוגא 24) פון 11 ביז 1 נ. מ. איינ־שרייבונגען פון קינדער, קראנקע אויף „פאוווס" (אומריינע קעפ), אויף רענט־גען־בעשטראלונגען אין דער צענטרא־לער רענטגען־סטאציע פון „טאז".

### קווארץ־לאמפען

מיט'ן אנפאנג פון נייעם שול־יאהר אין די יודישע שולען, וועט אין שול־אמבולאטאריום פון ראדאמער „טאז" אנהויבען פונקציאנירען א קווארץ־לאמפף.

### טאז־וואך

דער ריינער איינקונפט פון די אימ־פרעזען פון דער טאז־וואך פון ה. י. בעטרעפט 446 זל. מיט 35 גר.

בלימעל־פערקויף פון 31|5 — 139 זל. מיט 90 גר., סעאנס אין קינא „נאווע טשארי" פון 27|6 — 124 זל., בלימעל־פערקויף אין גארבאטקע פון 14|7 — 43 זל. מיט 20 גר., בלימעל־פערקויף אין ראדאם פון 12|9 139 זל. מיט 25 גר.

די פערוואלטונג פון ראדאמער „טאז" דריקט אויס א דאנק אלע אנטיילנע־מערינס און אנטיילנעמער אין דער אק־ציע, פון וועלכער דער גאנצער איינ־קונפט איז פערהענדעט געווארען אויף די זומער־קאלאניעס אין גארבאטקע, פאר די אונפערמעגליכסטע ראדאמער שול־קינדער.

## דאקטוירים בעשטעטיגען

אז אפרעטיזם רעמאטיזם און עהנליכע קראנקהייטען ווערט מען גרינדליך אויס־געהיילט בענוצענדיג פאראהע בעדער, אין גענצליך בענייטען באד־זאקלאד ביים האטעל אייראפעיסקי אין ראדאם

א פאראווע לאזשניע I קל. — 1.60 זל.

טעטיג פרייטאג און שבת

II קל. — 1.20 „

קינדער — 0.50 „

וואננעס (יעדען טאג) — 1.30 „

בעאמטע און פאמיליע גרופעס בעקומען הנחות.

טערלוירען א פראַטעסט אויף 400 זל. זוויסטעלער אייזיק ווייגריב. זשירע אלי שפייזמאַן, פאבריק גארבארסקע —אידעאל-זפירע. ביטע אבצוגעבן צו מרדכי מענדיל קלארפעלד, מאר-יאצקע-גורקע נומ. 6 געגען בעליינונג.

## בעקאנטמאכונג.

די גבאים פון בית התפלה „כנסת ישראל" פון הרב אב"ד דפה שליט"א (לובלינער 7) איז מודיע. אז אין די קומענדע ימים נוראים וועט נישט זיין ביי אונז קיין פלאץ פאר פרויען צום דאווענען.

**דער גבאים קאמיטעט.**

Z intencji zaręczyn kochanej siostry i szwagierki Dory z p. Leonem Grosfeldem życzymy wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia.

Hilarostwo Drezner.




# געגען שלשול

(לויזער מאגען)

איינער פון די בעסטע מיטלען געגען **שלשול** איז רויט-וויין **„כרמל-מעדאק",** וועלכער ענטהאלט פיל טאנען.

# לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

אזוי ווי יעדעס יאהר, יוערט אויך היי-יאהר אנגעאָרדענט א דאווענען אויף די קומענדע **ימים-נוראים** אין מיין **שול-לאָקאל לובלינער 21** רוג ספאַרנאַ מיט די זעלבע גוטע **חזנים** פון די פאָרינען יאהרען. זאל זיך יעדער, וואס פריהער בעזאָרגען א בעשטימטען פלאץ, בכדי עס זאל יום-טוב נישט פארקומען מיספערשטענדנישען.

**פלעצער קען מען דינגען פאר א מאן מיט אפרוי אויך איינצעלנע שוין פון היינט אָן אין דער זעלבער שולע פון 8 פרי ביז 6 אָוועגד**

ברגשי כבוד **אשר גוטמאן.**

Koleżance naszej Reginie Melchjorównie z powodu przedwczesnego zgonu

## Jej OJCA B. P.

wyrażają szczere współczucie

**Zarząd i Członkowie**

Związku Młodzieży Sjon. Rewizjonistów

**„MASADA" w Radomiu.**

# בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דעם ג. ראדאָמער פובליקום, אז אויף די אנקומענדע **ימים-טובים** איז מיין געשעפט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל

**קידוש-ווייגען, „כרמל"-ווייגען, בראנפען און ליקערן.**

גלייכצייטיג מאך איך בעקאנט. דאס שבת און יו"ט בעקומט מען ביי מיר פלעשלעך ביער אויף קוויטלעך, וואס ווערען אויסגעקויפט פרייטאג, אדער ערב יו"ט. איך שיק אויך אַב ביער פון אלע פירמעס

**צום פרייז 10 זל. פאר א יעדינקע צוזאמען מיט פלימפלעך.**

מיט אכטונג **ה. לאנדא** ראדאם, וואלאָווא 35.

Wyrazy szczerego współczucia drogiej koleżance REGINIE MELCHJORÓWNIE z powodu przedwczesnej śmierci

## JEJ OJCA

składają

*Wychowawca i Kl VI.*







**Poszukuje się** zdolnej

**EKSPEDJENTKI**

do magazynu obuwia.

Zgłosić się:

**Magazyn obuwia DREZNER, Lubelska 27.**

אונזערע חשובע מתפללים די ה"ה:

**משה, מענדיל, לייזער בארענשטיין**

צוליב'ן פלוצלינגען טויט פון זייער מוטער **ביינדעל נ. ע.**

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

זאלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער.

**די גבאים פון די חברה בעקער'ס**

אין ראדאם.

# בעקאנטמאכונג.

עס ווערט עפענטליך בעקאנט געמאכט די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם. אז פון **זונטאג** דעם 29 ה. ח. ווערט געלאזט אין פערקעהר א ספעציעלע

## אויטאבוסען-קאמוניקאציע

**אויף דעם יודישען בית-החיים**

אין צוזאמענהאנג מיט די קומענדע ימים-נוראים

**צום פרייז 30 גר. פאר א פערזאָן.**

די סטאציע פון די אויטאבוסען וועט זיך געפינען אויף די ווארשאווער גאס נעבען דער תפיסה-קירכע. :—: :—: :—: :—: :—:

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם מתפלל

**אייזיק קויפמאן**

צוליב'ן טוידט פון זיין פאָטער

## יוסף נ. ע.

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**די גבאים פון די חברה בעקער'ס**

אין ראדאם.

*Kino ODEON Teatr*

Dziś i dni następnych

Przepiękny, o niebywałej treści, dramat z czasów wielkiej wojny, p. t.

**STRZELEC CESARSKI**

w roli głównej nasz rodak IGO SYM

II-gi film p. t.

**Biały Szeik**

*Kino NOWE CZARY Teatr*

Od poniedziałku dn. 23 września 1929 r.

**TANCERKA**

**z Del Rrio i Charles'em Farrel'em**

**Nad program**

? ? ?

*Kino „CORSO" Teatr*

Od poniedziałku 23 września r. b

**Żywy TRUP**

według powieści **L. Tołstoja**

w reelizacji **„Pudowkina".**




עס פרעהט זיך די באָבעשי, עס שטייבעלט דער זיידע׳
דאָס איניקעל האָט זיי איבערראשט אלע ביידע;
עס האָט זיי געבראַכט צו דעם ראש השנה
א פעקעלע „צערעס" - א ליעבע מתנה. –

דאס 100 % ריינע קאַקאַס-פעטס „צערעס" ווערט פון אנהייב ביזן סוף פאבריצירט אונטער דער שטרענגער השגחה פון בעקאנטען רב הגאון ר׳ שמחה פרענקעל פון סקאווינא און ענטשפרעכט אזוי ארום אלע כשרות-פאר-שריפטען, קאן אלזא בעסטענס עמפפויהלען ווערן אפילו פאר די מהדרין מן המהדרין.




פערלאנגט אויסדריקליך נאר „צעריזס" מיטן הכשר-שטעמפעל און ווארפט אב אונבעקאנטע, מינדערווערטיגע פאבריקאטען.


די חכמים זאָגען, אז מי שלא ראה שמחת בית-השואבה
לא ראה שמחה מימיו,

און ווער עס האָט ניט געזעהען און געטראָגען
**א קאפעליוש**
פון די פאבריק **„אמעריקאַ"** ח. גוטמאַן, לובלינער 5,
דער ווייסט נישט וואָס מען מיינט א גענוס פאר דעם אויג און א תענוג פאר דער נשמה. קומט און זעהט וואָס פאר א גוטען און שעהנעם קאפעליוש מיר גיבען אייך פאר ווינציג געלד.



# Dr. L. FASTMAN
SPECJALISTA CHORÓB USZU NOSA i GARDŁA
Radom, Lubelska 24.
**powrócił z zagranicy**
i ordunuje od dnia 15 IX r. b.



Nauczycielka dyplomowana **języka francuskiego**
(dyplom uniwersytetu francuskiego)
udziela lekcyj, korepetycyj i konwersacji
Wiadomość: *F. Rozenberg, Rwańska 21.* tel. 537.


צו די תנאים פון מיין פריינד
חיים זלמן ארטמאן מיט פר״ל עדזיא זיידע
ווינש איך זיי עוויגע צופרידענהייט.
משה בריט עט פאמיליע.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. דאָרא פאָטאַזשניק
מיט ה׳ יוסף לערמאָן
ווינשען מיר א הארציגען מז״ט און זייער גאנץ לעבען
זאָל זיין בעגליקט אויף טריט און שריט
שלמה גוטמאַן עט פרוי און קינדער.

Z intencji zaręczyn koleżnki naszej p.
Dory Potażnikówny z p. Lermanem
życzymy szczęśliwej przyszłości, szczęścia obfitości, bez ludzkiej zazdrości i wiecznego zadowolenia.
*Sala, Edzia, Fela.*

Serdeczne życzenie z kazji zaręczyn
p. Leona Grosfelda z panną Dorą Dreznerówną
składają
*Naftalostwo Lewin.*

Z okazji zaręczyn
p. Leona Grosfelda z panną Dorą Dreznerówną
serdeczne życzenie składa
*A. Lewin* — z — Rodziną.


# Kino „CORSO" Teatr
**Od poniedziałku 30 b. m.**
Ujawnienie ciemnych machinacji agentów sowieckich zagranicą jest tematem niesłychanie sensacyjnego filmu p. t.
# „CZERWONY BIES"
dramatu z życia emigracji rosyjskiej, otoczonych zdala od ojczyzny zgrają przebiegłych szpiegów.
**Piękna księżniczka w łapach rozbestwionego marynarza**
**Przekupstwo i łapownictwo sowieckich misyj handlow.**
**Sensacyjny wyścig samolotu z samochodem.**
W rolach głównych:
czarująco-urocza **SUZY VERNON** „królowa piękności" Paryża
oraz wybitny tragik **MICHAŁ BOHNEN.**


## OGŁOSZENIE

W myśl uchwały Rady Miejskiej z dnia 26 sierpnia 1929 r. Zarząd Wodociągów i Kanalizacji miasta Radomia podaje do wiadomości mieszkańcom miasta, że: Paragraf 2 uchwalonego przez Radę Miejską w dniu 29. IX. 1927 r. statutu o opłatach za używanie wodociągów miejskich w Radomiu uzupełnia się jak następuje:

c) 20 gr. za mtr. sześcienny wody skanalizowanej do miejskich kanałów.

d) 10 gr. za mtr. kwadratowy gruntu drenowanego, którego wody spływają do kanału burzowego względnie sanitarnego.

Radom, dn. 5 IX. 1929.

**Zarząd Wodociągów i Kanalizacji miasta Radomia.**

Redaktor CH. M. HERC
Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.